בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ב' פ' חיי שרה | י"ז חשון | תשע"א | סוטה ל"ע:

# באריכט:

## בפקודת מרן רבינו שליט"א – אנשי שלומינו רייסן איין לרפואת הרה"ק מ'טאהש שליט"א לרפו"ש

דער מצב ביי הרה"ק האדמו"ר מ'טאהש שליט"א האט זיך אין די טעג שטארק פארערגערט ל"ע, און נאמני ביתו האבן נעכטן גערופן צום רבי'ן שליט"א מזכיר צו זיין פאר א גאנצע רפואה, לאור זאת האט דער רבי שליט"א אויפגעפאדערט מען זאל איבעראל בתוככי קהלתינו ומוסדותינו הקדושות איינרייסן לרפואת זקן צדיקי הדור מרן משולם פייש בן צירל לרפואה שלימה ומהירה בתושח"י, אמן.

*-לקיים בנו חכמי ישראל-*

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ג', נאכ'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א געגאנגען צום ברית לבן הנולד לר' חיים זלמן וייסבערג הי"ו פון קרית יואל.

## מרן רבינו שליט"א באזוכט אין ת"ת קרית יואל

אום 12:00 מיטאג איז דער רבי שליט"א געגאנגען אין בנין תלמוד תורה בית מרדכי אויף געציל בערגער בלווד. ווי עס איז פאהרגעקומען א מסיבת "התחלת הגמרא" פאר די תלמידי כיתה ד' און ה', ווי עס האט אויפגעטרעטן דער מנהל הר"ר יחיאל יצחק שפיצער שליט"א זאגענדי"ג אז אנהייבן די גמ' ביי די קינדער איז א התחלת הש"ס און דער רבי איז פערזענליך געקומען זיך משתתף זיין כדי ס'זאל בלייבן איינגעקריצט אין די ביינער פון די אינגע קינדער ני"ו, אויך האט דער מנהל צוגעלייגט אז דערפאר זענען די תלמידים פון כיתה ה' זיך אויך משתתף אין די מסביה – כאטשיק זיי האבן שוין אנגעהויבן פאריאר, ווייל עס איז א בחינה פון "נר לאחד נר למאה", און די השפעה גייט מיט אויף זיי אויך. דאן האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש פאר די צאן קדשים מתחילי הגמרא.

## אנטווערפען יצ"ו

ווי עס ווערט געמאלדן פון הנהלת "התאחדות אברכים" ווערן אין די טעג אויסגעארבעט די פלענער צוצושטעלן עטליכע באסעס פאר'ן חשוב'ן ציבור החשוב אנ"ש שיחיו צו קענען

פארן בענעזאם זיך מסתופף זיין בצ"ק פון כ"ק מרן רבינו שליט"א בשעת ווען דער רבי שליט"א וועט בעז"ה ווילן בשכינות בעיה"ב לאנדאן יע"א במשך די וואך פון פ' תולדות. די פונקטליכע פרטים און דעטאלן ווערן אין די טעג אויסגעארבייט דורך די עסקנים.

*- חייב אדם להקביל פני רבו –*

## מסיבת קבלת פנים אין וויליאמסבורג לכבוד הגאון ר' אליקים שלעזינגער שליט"א ר"י הרמה

אין וויליעאסברוג איז נעכטען פאהרגעקומען א מסיבת קבלת פנים לכבודו פון הגאון האדיר רבי אליקים שלעזינגער שליט"א ראש ישיבת הרמה פון לאנדאן, וועלעכער איז אצינד צוגאסט אין ניו יארק, דורך די היזיגע הנהלה פון די הייליגע מוסד "אדמת קודש" אין שטוב פון הרה"ג ר' בנציון לויב שליט"א מו"ץ בקהלתינו הק' ומרבני הוועד, ווי עס האבן זיך משתתף געווען לכבודו א גרויסער ציבור, און תורם געווען בעין יפה לטובת דעם הייליגען אירגון אדמת קודש וועלכעס ווערט אנגעפירט דורך מע"כ דער ראש ישיבה שליט"א מיט א געוואלדיגע מסי"נ.

*-יהא בואו לברכה-*

## ניחום אבלים

ביי משפחת הנפטרת האשה החשובה מרת שינדל ניחא ב"ר יושע ע"ה שווארץ פון מאנטריאל, זיצט מען שבעה ביז ערב שב"ק נאכמיטאג.

מען זיצט אין וויליאמסבורג אויף 163 Hewes St. #2-E.

*ובלע המות לנצח*

*-בשורות טובות-*

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטאהרן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**

**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**